NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12993

A GESHEFT HOB IKH

Chaver Paver

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-12993-3

9780657129934T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שול-טעאַטער

זאמלונג פון פיעסן פאַר קינדער,

רעדאַקטירט פון ש. באַסטאַמסקי

כאַווער פאַווער

1] אַ געשעפט האָב איך!

ה. כאַצקעלס

2] פערעלע און בערעלע

13/40085

ווילנע פאַרלאַג „גרינינקע ביימעלעך“ 1936

שול־טעאטער
זאמלונג פון פיעסן פאר קינדער,
רעדאקטירט פון ש. באסטאמסקי

כאווער פאווער

1) א געשעפט האָב איך!

ה. כאצקעלס

2) פערעלע און בערעלע

פערלאג [illegible] ווילנע

Printed in Poland

Chawer Pawer – „A Geszeft hob ich"

H. Chackels – „Perele un Berele"

Drukarnia „Ezpress" Wilno Wielka 33

אַ געשעפּט האָב איך!

(אַ שפּיל).

פּערזאָנען:

מאָטל — אַ ייִנגל, וואָס האָט פאַר קיין שום זאַך ניט מורא, אחוץ פאַר שמייסן.

שמעיה — אַ שוואַרצער הונט, וואָס רעדט ייִדיש און האָט ליב געריכטיקייט.

מאַמע — ווי יעדע מאַמע, וואָס האָט ליב איר זון, אפילו ווען ער פאַרדינט דאָס ניט.

לאַנגער נון — הויך און דאַר ווי אַ שטעקן. שפּאַנט זיך שטאָלץ מיט אַ פאַריסענעם קאָפּ און מיינט, אַז אַלע זיינען גאָרניט אַנטקעגן אים.

לאַנגער צאַדיק — קוקט אויס ווי אַ הויכער אַראָבער. טראָגט אַ פאַרדרייטע טשאַלמע אויפן קאָפּ און מיינט, אַז ס'האָט דעם זיבעטן חן.

לאַנגער פּיי — זעט אויס ווי אַ גאַלאַנטער ריטער, האָט שטענדיק זיין האַנט אויפן הענטל פון שהערד, — אָט, אָט וועט ער באַלד אַרויסציען דאָס שאַרפע מעסער און — מאַמע באַהאַלט מיך.

לאַנגער כאַף — רעדט זיך געלאַטן מיט אַ הודיענדיק קול, טראָגט אַ לאַנגע באָרד און האַלט זי אין איין גלעטן.

שטומער אַלעף — אַ שטומע באַשעפעניש, נע-בעך, בעקעט, מעקעט און מע קאָן קיין טאָלק ניט דערגיין.

ס'פּינטעלע פון דער פּיי — אַ פּיצעלע ייִנגעלע מיט אַ שוואַך קול, טראָגט אַ היטעלע מיט אַ קנעפּעלע אינמיטן.

שלאָס-מעם — פאַרדינט זיין בריוו פון דעם, וואָס ער מאַכט שליסלען און שלעסער. טראָגט אַ פאַרטוך און דאָס פּנים איז פאַרשמוצט.

אַ צימער, אַ שרייבטיש, אַ בעט, אַ פּיאַנע. אונטערן בעט ליגט שמעיה און כאַפּט אַ דרימל.

מאַמע: אָבער דו מוזט דאָך אָנשרייבן די אַרבעט וועגן וואָלד.

מאָטל: אַ געשעפט האָב איך מיטן וואַלד! כ'וועל ניט אָנשרייבן!

מאַמע: דער לערער וועט שרייען.

מאָטל: אַ געשעפט האָב איך מיטן לע-רער! זאָל ער שרייען!

מאַמע: ניין, מאָטל, דאָס גייט ניט. אַז דו וועסט אויף אַלצדינג זאָגן „אַ געשעפט האָב איך", וועסטו גאָרנישט ניט קאָנען און דו וועסט אויסוואַקסן אַ נאַרישער בחור. איך וועל זיך מיט דיר שעמען פאַר לייטן, און איך וועל זאָגן: „אַ געשעפט האָב איך מיט מיין מאָטלען, ער איז גאָרניט מיין זון". אַ גוטע נאַכט! שרייב אָן די אַרבעט און לייג זיך שלאָפן. (אָפּ).

מאָטל: (צו זיך אַליין) וואָס זאָל איך שרייבן? (נעמט דאָס שרייב-געצייג) דער וואַלד איז שוואַרץ. שאַ, נאָר אין וואָרט „איז" קומט אַ שטומער אַלעף, צו ניין? שמעיה, היי, שמעיה, קריך נאָר אַרויס! (אַ שוואַרצער הונט קריכט אַרויס פון אונטערן בעט און טרייסלט מיט די אויערן). ווי מיינסטו? אין וואָרט „איז" קומט אַ שטומער אַלעף, צי ניין?

שמעיה: האַוו, האַוו!

מאָטל: וואָס האַוו האַוו? אַז מע פרעגט דיך, קענסטו דאָך ענטפערן.

שמעיה: (דרייט אויס דעם קאָפּ) פון וואַנעט זאָל איך וויסן? (קריכט אונטערן בעט).

מאָטל: אַ געשעפט האָב איך מיט דעם שטומען אַלעף! (שרייבט ווייטער) שמעיה, שמעיה! (דער הונט רירט זיך ניט, מאַכט זיך ווי געפּגרט) שמעיה, שמעיה, מע רופט דיך, צי ניין?

שמעיה: (נאָך זייענדיק אונטערן בעט) האַוו, האַוו! (אַרויסקריכנדיק) וואָס שוין ווייטער?

מאָטל: ווען קומט אַ לאַנגע נון, ווייסטו כאָטש?

שמעיה: וואָס ווילסטו האָבן פון מיינע יאָרן? איך בין דאָך ניט מער ווי אַ הונט, וואָס הייסט שמעיה. פון וואַנעט זאָל איך וויסן? מע שיקט מיך דען לערנען אַזוי ווי דיך? (אַרונטערקריכנדיק אונטערן בעט, מיט אַ זיפץ) אוי, אוי, מאָטעלע, ווען איך האָב אַ מאַמען און זי שיקט מיך לערנען אין שול, וואָלט איך שוין געוווּסט, ווען צו שרייבן אַ שטומען אַלעף און ווען אַ לאַנגע נון. (מיט אַ [illegible]) אַז איך בין אַ [illegible]

מאַטל: (צו זיך אַליין) נו, און וואָס טו איך מיט דעם לאַנגן צאַדיק? אײַנמיטן, צי אויפֿן סוף? אַ געשעפֿט האָב איך! איך וועל אים גאָר אינגאַנצן אַרויסלאָזן. (שרײַבט גיך, גיך, פֿאַרענדיקט, טוט זיך אויס, פֿאַרלעשט דאָס ליכט, וואַרפֿט זיך אין בעט).

שמעיה: (פֿון אונטערן בעט) אַ טײַערער תּכשיט, אַן אַרבעט האָט דאָס אָנגעשריבן! איך שטעל מיר שוין פֿאָר. נו, מע דאַרף אַ כאַפּ טאָן אַ דרימל, ווײַל איך וועל נאָך דאַרפֿן תּאַחקען אויפֿן מילכמאָן. גו, וועלן מיר שלאָפֿן. אַ געשעפֿט האָב איך!—ווי מאָטל זאָגט. (הייבט אָן צו שנאָרכן).

לאַנגער צאַדיק: (קריכט אַרײַן דורכן פֿענצטער מיט אַ ליכט, נעמט דאָס העפֿט פֿון טיש, קיקט אַרײַן). ווײ צו מײַנע יאָרן! דער באַנדיט האָט מיך ווײַטער אויסגעלאָזט אין וואָרט „שוואַרץ". שאַ, עמיצער גייט – (באַהאַלט זיך).

שטומער אַלעף: (מיט אַ ליכט. זוכט אין העפֿט. מאַכט ווי אַ שטומער) מ. מ. (צעגעמט די הענט, ווי מײַנער זאָגט: ניטאָ.) מ. מ. (זוכט ווײַטער, צענעמט ווידער די הענט, דערשרעקט זיך און באַהאַלט זיך).

לאַנגער נון: (קריכט אַרײַן מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ ליכט. זוכט אין העפֿט). זוך מיט ליכט, אַז איך בין פֿאָרט דאָ ניטאָ. ער וויל מיר פֿאַרקירצן די יאָרן, אָט דער מזיק. אוי, וועל איך אים אַ מעסט טאָן מיטן שטעקן! (באַהאַלט זיך).

שלאָסמעם: (מיט אַ גרויסן שליסל, מיט אַ ליכט. זוכט). ס'האָט מיר אָבער דאָס האַרץ געזאָגט. יאָ, אַוודאַי, אַ שטײַגער-בוים, ווער ווייסט ניט, אַז ס'קומט אַ שלאָס-מעם. נו. און פֿלוים? ווי קאָן מען גאָר עסן אַ פֿלוים אָן אַ שלאָסמעם? (באַהאַלט זיך).

לאַנגער פֿיי: (ווי די פֿריערדיקע). ווײ, ווײ! זע נאָר, זע! ווי פֿאַגעסט מען דאָס דעם לאַנגן פֿײ? אַז מע דאַרף קוקן צום הימל אַרויף, אָדער אַז די מאַמע זאָגט: מאָטל, גיב נאָר אין קראָם אַ לויף. (מיט אַ גינגען) אוי, וועל איך אים שמײַסן.

לאַנגער כאַף: (גלעט זיך בײַ דער גאָרדל) וועל איך אַ קוק טאָן אין זײַן העפֿט, צי בײַנז ניט, מסתּמא ניט. וואָס וועל איך זיך אומזיסט אין אומגעס מטריח זײַן.

ס'פֿינטעלע פֿון דער פֿײ: (ווי די פֿריערדיקע) אַז איך בין אַ קליין פֿינטעלע, אַזאַ פּיצעלע. אויב מע לאָזט מיך ניט אין דער פֿײ, מאַך איך ניט פֿײ און האָב ניט, ווו צו שלאָפֿן. (זוכט אין העפֿט, צעוויינט זיך). ניטאָ קיין יושר אויף דער וועלט! וואָרעם, אַז איך בין אַזאַ פּיצעלע, ווער וועט זיך אין מיר דער-מאָנען? אוי, אוי!

מאָטל: מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב געהערט עמיצן וויינען.

לאַנגער נון: (צינדט אָן זײַן ליכטל). מיט אַ לאַנגער נון, צי אָן אַ לאַנגער נון?

מאָטל: וואָס, אַ לאַנגער נון?

ן: וויינען.

מאָטל: אַ געשעפֿט האָב איך, צי מיט, צי אָן! שוויַג דאָרטן, דו ליגנער. אָט כאַפּסטו פֿון מיר אַ זעץ...

ץ: (צינדט אָן זײַן ליכט) מיט אַ לאַנגן צאַדיק, צי אָן אַ לאַנגן צאַדיק?

מאָטל: וואָס דרייסטו מיר אַ ספּאָדיק מיט דײַן לאַנגן צאַדיק? מע לאָזט מיך ניט צורו אַפֿילו אין שלאָף.

ף: (צינדט אָן זײַן ליכטל) וואָס האָסטו, יאָ, זאָגט?

מאָטל: (קרימט אים נאָך) וואָס האָב איך געזאָגט? איך האָב געזאָגט, אַז דו זאָלסט גיין צו אַלדי שוואַרצע יאָר, דו, לאַנגער לאָקש, פֿערד, בהמה! (דרייט זיך אויס צו דער וואַנט).

שטומער אַלעף: (צינדט אָן זײַן ליכט, מאַכט מיט די הענט, ווי מיט אַ טענה) מ. מ.

מאָטל: (דרייט אויס דעם קאָפּ) ווער איז אָט די שטומע לאַלע?

שטומער אַלעף: (טענהט מיט די הענט) מ. מ. (וויינענדיק אין כּעס) פּאָסקודניאַק!

פֿינטעלע: (ער צינדט אָן דאָס ליכט, שפּרינגט אַרײַן אין בעט מיט אַ שוואַך קעלכל) יאָ, פּאָסקודניאַק מיט אַ פֿינטעלע.

מאָטל: פֿון וואַנעט האָסטו זיך גענומען, דו קלײנער פֿעפֿערל, אַגרעס גרינער? אַראָפּ פֿון בעט, זאָג איך דיר! אַראָפּ!

פֿינטעלע: (כאַפּט אונטער) „אַראָפּ" מיט אַ פֿינטעלע, צי אָן אַ פֿינטעלע? [illegible]

שלאָסמעס: (ביגנט זיך זיין ליבס, פּאַכט מיטן שליסל איבער זיין פּנים) דו ווייסט כאָטש, ווער איך בין?

מאָטל: אַ גולם ביסטו אָט וואָס!

ס: מיט אַ שלאָסמעס צי אָן אַ שלאָסמעס?

מאָטל: מיט, אָדער אָן, אַ גולם ביסטו דאָך.

ך: (גלעט זיך די באָרד) וואָס וועלן מיר דאָ לאַנג טענהן, וואָס? שמײַסן דאַרף מען אים.

אַלע: שמײַסן, שמײַסן!

מאָטל: שמעיה, שמעיה!

שמעיה: (זיך אויסגענעצנדיק) האָ, האַ? וואָס לאָזטו מיך נישט שלאָפֿן?

מאָטל: אַ טײַערער הונט ביסטו, האָ? און דאָ זײַנען אַרײַנגעקומען די נודניקעס פֿון אַלף־בית און לאָזן מיך ניט שלאָפֿן.

פינטעלע: אוי, אַ הונט, מע דאַרף אַנטלויפֿן!

שמעיה: (גיט זיך אַ ריס און וויל אָנהייבן ביסן. דער לאַנגער כאָף שטרעקט אויס אַ הענט און האַלט אויף זיך. יעדער בוכשטאַב האַלט אויף זיך. דער הונט קוקט זיך אײַן און הייבט אָן צו פֿאַרשטיין).

פינטעלע: און דאָס פינטעלע איז גאַנצן פֿאַרגעסן.

ן: (צום הונט) נו, קומט אים ניט צו שמײַסן?

שמעיה: אוודאי שמײַסן. (פֿאַרנטערקריכנ־דיק) מאָטל, זיי זײַנען גערעכט, איך קען דיר גאָרניט העלפֿן.

דער לאַנגער כאָף לויפֿט צו, כאַפּט מאָטלען בײַ די פֿיס, דער ך — בײַ די הענט, דאָס פינטעלע זעצט זיך אויף די פֿיס, ווײַל מאָטל דרינגט און הערט זיך. דער שטומער אַלף האַלט אים צוגעמאַכט די ליפּן, ווײַל ער שרײַט. דער לאַנגער נון פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און נעמט זיך שמײַסן.

מאָטל: (רײַסט זיך מיט אַלע כוחות) מ־אַ־מ־ע!

מאַמע: (אין נאַכטהעמד) וואָס איז, מאָטעלע, וואָס שרײַסטו? (די אותיות דערשרעקן זיך ניט) לאָזט אָפּ מײַן קינד, וואָס ווילט איר פֿון אים האָבן?

לאַנגער נון: מיר שמײַסן אים פֿאַר דעם לאַנגן נון.

אַלע: און פֿאַר מיר, און פֿאַר מיר!

מאַמע: לאָזט אָפּ מײַן קינד, טוט אים,

[illegible] שמײַסט אים גוט.

ך: (שטרעקט אויס אַ האַנט) איך קען אויך ניט פֿאַרלײַדן, ווײַל מײַן האַרץ איז צו ווייך. (צום פּובליקום) מיט אַ לאַנגער כאָף, זאָל ער זיך באַלד אַנידערזעצן און פֿאַריכטן אַלע גרײַזן.

ן: מיט אָדער אָן?

ך: הערסט אַ מעשה, אוודאי מיט, וואָ־דען — אָן?

אַלע: יאָ, טאַקע אַזוי, גערעכט.

מאַמע: ס'איז שוין איצט שפּעט, ער וועט שוין טאָן מאָרגן, אַ יאָ, מאָטל?

מאָטל (האַלט זיך בײַ דעם געשלאָגענעם טייל) יאָ, מאָרגן.

מאַמע: נו, גייט שוין אַרויס און לאָזט מײַן קינד שלאָפֿן.

ץ: אָבער פֿריער דאַרפֿן מיר נאָך כאַפּן אַ טענצל.

אַלע: יאָ, יאָ, אַ טענצל.

ץ: (לאָזט זיך טאַנצן און זינגען).

אַלע: צאַדיק, צאַדיק, איך בין אַ לאַנגער ץ.

מאָטל: אַזאַ יאָר אויף דיר, וואָס פֿאַר אַ צאַדיק דו ביסט.

ץ: טאַנץ איך מיר, טאַנץ איך מיר

אַלע: טאַנצטו דיר, טאַנצטו דיר.

ץ: טאַנץ און טאַנץ,
טאַנץ און טאַנץ,
ווי אַ לאַנגער צאַדיק.

אַלע: ווי אַ לאַנגער צאַדיק.

מאָטל: ווי אַ לאַנגער לאָקש.

ף: (עלעגאַנט האַלט זיך בײַ אַ זײַט, מיט מיידלשע באַוועגונגען).

ף: אויף אַ שיף
אַ לאַנגער פֿיי.
היי, היי, היי!

אַלע: היי, היי, היי!

ף: טוט דער פֿיי,
אַ לאַנגן פֿײַף,
אַרויף, אַרויף.

אַלע: אַרויף, אַרויף!

ף: אָט אַזוי
מיט אַ פֿײַף
פֿאָרט דער פֿיי
אויף דער שיף,
היי, היי, היי.

אַלע: היי, היי, היי!

לאַנגער כאָף: (טאַנצט ניט, נאָר אויף איין אָרט שפּרינגט ער אונטער, מיט אַ גראָב קול).

איך הייס ברוך,
מײַן ברודער הייסט זרח.
מײַן זיידע הייסט נח,
וויל ער גיין אין באָד אַרײַן,
האָט ער ניט קיין כּח.

אַלע: האָט ער ניט קיין כּח.

ך: האָט ער ניט קיין כּח.
און פון קוימען גייט אַ רויך,
די פייגעלעך פליען הייך,
און דרייט מיר ניט קיין מח.

אַלע: און דרייט אים ניט קיין מח.

ם: (מעקעט ווי אַ לעמעלע) מעם, מעם, מעם.
מיט אַ שלאָס.

אַלע: מיט אַ שלאָס.

מאָטל: אוודאַי מיט, וואָדען אָן!

ם: אויפן שפּיץ בוים
וואַקסט אַ פלוים,
קאָנסטו זען קוים.

אַלע: קאָנסטו זען קוים.

ם: מעם, מעם, מעם.

שטומער אַלעף: (מאַכט מיט די הענט)
בע, מע, בע.

אַלע: נו, זינג שוין, זינג שוין.

שטומער אַלעף: (אין כּעס) כ׳קענניש.
איך בין שטום.

אַלע: טאַנץ זשע, טאַנץ זשע!

(שטומער אַלעף טאַנצט ווי אין אַ באַלעט און ברומט אונטער: מ. מ. מ.)

ן: איך בין דער לאַנגער נון,
דער מאַמעס אַ טײַערער זון.

אַלע: דער מאַמעס אַ טײַערער זון.

מאָטל: אוי, ביסטו טײַער, מעגסט ברע־נען ווי אַ פײַער.

ן: איך הייס נתן.

אַלע: ער הייסט נתן.

ן: דערצו אַ שיינער חתן.

אַלע: דערצו אַ שיינער חתן.

ן: קלוג און שיין
מלא חן
און הייסן הייס איך נתן.

פּינטעלע הייבט אָן צו שפּרינגען און אַלע זינגען צו

פּינטעלע, פּינטעלע,
האָפּ, האָפּ,
פּאַס אויף, פּאַס אויף,
פּאַוואָליע דײַן קאָפּ.

אַלע נעמען זיך אָן בײַ די הענט, זינגען און טאַנצן!

אָבינו מלך,
ס׳האַרץ איז אונדז פריילעך,

פריילעך ווילן מיר זײַן,
טרינקען ווילן מיר ווײַן,
קרעפּלעך ווילן מיר עסן
און דעם אַלעף־בית ניט פאַרגעסן.

פּערעלע און בערעלע.

(אַ שפּאַס אין איין אַקט)

(די סצענע שטעלט פאָר א הידראָסקאָפּ.*) דאָס שטיבעלע איז פון פארביקן קארטאָן, איבערגעצאַמט אין מיטן מיט א וועגטל. פּערעלע און בערעלע, צוויי פּאָפּקעס, שטייען פון ביידע זייטן וועגטל, אָנגעטאָן אין וועלבע-ניט-איז נאַציאָנאַלע פּויערים-קליידער. זייערע באַוועגונגען זייַנען אַווטאָמאַטיש ווי ביי פּאָפּקעס.)

בערעלע: (שפּרינגט ארויס פון שטיבעלע) זון!

(פאַרשווינדט אין שטיבעלע)

פּערעלע: (אַרויסשפּרינגענדיק) רעגן!

בערעלע: (קלאַפּט אין וועגטל) פּערעלע!

פּערעלע: (קלאַפּט ־ ריק) בערעלע

בערעלע:

שוין דעם צענטן מאָל ווי איך קלאַפּ אין טיר,
שוין דעם צענטן מאָל ווי איך רוף צו דיר,
פּערעלע, מיין טרייסט, מיין זונענשיין,
קום באַוויַיז זיך מיר, קום צו מיר אַריַין!

פּערעלע:

ווי איך הער דיין שטים, בערעלע, מיין קרוין,
מאַך איך אויף די טיר,–וויל איך צו דיר גיין,
כ'זוך דיך אומעטום, כ'לויף אַהין, אַהער —
אָבער אַלץ אומזיסט, כ'זע דיך שוין ניט מער.

בערעלע: פּערעלע, דו ענטפערסט מיר?
דו הערסט מיין שטימע דאָך.
איך גיי צו דיר, איך לויף צו דיר,
אָט וואַרט, איך יאָג דיך נאָך!

(שפּרינגען ארויס דורך די טירעלעך, עטלעכע מאָל איינער נאָכן אַנדערן.)

— בערעלע!
— פּערעלע!
— בערעלע!
— פּערעלע!

ער: ווו ביסטו, פּערעלע?
זי: ווו ביסטו, בערעלע?
ביידע: איך האָב שוין מער קיין כוח ניט.
אוי, אָנכאַפּן דיך קען איך ניט,
אוי, ביטער, פינצטער איז מיר, וויי!

(ביידע וויינען.)

די פעע: (באַווייזט זיך)

אַייערע טרערן האָבן מיך גערירט,
איך האָב צו אייך רחמנות גרויס דערשפּירט
גענוג צו שריַיען און צו וויינען,
איך וויל אייך העלפן, אייך פאַראײַנען

(פירט זיי ארויס פאַר די הענט פון שטיבעלע. זיי פאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האלדז.)

— מיין בערעלע!
— מיין פּערעלע!
— נשמהלע!
— האַרצעלע!
— קרוינעלע!

ביידע:

אַ פּאַטש מיט די הענטלעך,
אַ טופּ מיטן פיסל,
לאָמיר איצט טאַנצן,
זיך דרייען אַ ביסל! (ביידע טאַנצן)

זי: איצט, מיין ליבער, מיין געטריַיער,
ביסט דאָך הונגעריק געוויס,
קום, די צייט איז אונדז דאָך טיַיער,
לאָמיר זעצן זיך צום טיש.

(גייען צו צו א געגרייטן טישעלע, וואָס שטייט אויף דער סצענע.)

ער: עס, מיין פּערעלע!
זי: טרינק, מיין בערעלע!
נעם נאָך אַ ביסעלע
אָט פון דער שיסעלע. (עסן און טרינקען)

ער: (פאַרגיסט איר דאָס קליידל.)

זי: זע, וואָס זיינען דאָס פאַר טנועס.
דאַרפסט זיך שעמען, יאָ, געווים. (בלאָזט זיך)

ער: אויב דיך געפעלט נים מיין [illegible]
זיך מיט מיר [illegible] ביי איין טיש.

---

*) א פיזיקאלישער מכשיר צו באשטימען די פייכטקייט פון דער לופט. דאָס איז א שטיבעלע, אין וועלכן עס געפינען זיך א מאַן און א פרוי. ביי א טרוקענעם וועטער באַווייזט זיך פון שטיבעלע דער מאַן, ביי א פייכטן — די פרוי. אזוי אז ביידע קענען זיך קיינמאָל ניט צוזאמענטרעפן.

זי: טאַקע, כלעבן, וואָס זשע מיינסטו,
ס'וואָלט אַוודאי בעסער זיין
כ'וואָלט ניט זען דיין נאָז די לאַנגע,
וואָס קריכט אין טעלער באַלד אַריין.

ער: (כאַפּט אַ גלאָז) אַזוי, דו הייבסט זיך אָן
צו זידלען!
עס געפעלט דיר ניט מיין נאָז?
נו, טו היט זיך טאַקע, פּערל,
איך צעברעך אָן דיר די גלאָז!

זי: פּרוּװ נאָר, אָט נעם איך אַ שטעקן.
כ'וועל דיר ווייזן, וואָס איך קען,
כ'וועל דיר אויסקראַצן די אויגן,
וועסטו שוין קיין זאַך ניט זען.
מיינסט, איך האָב פאַר דיר דען מוראַ?
אָט אַ שוטה! אָט אַ נאַר

ער: האַלט דו נאָר דיין מויל, די גרויסע,
כ'וועל דערלאַנגען דיר דערפאַר!
(שלאָגן זיך.)

די פּעיע: אַזוי נאַר? איר ליאַרעמט און
שרייט,
עס איז ביי אייך אַ גאַנצער שטרייט?
אָט וואָס איר האָט געבענקט?
און איך האָב אייך געמיינט צו געבן גליק.
איצט זע איך, איר האָט גאָר קיין ברעקל שכל,
טאָ גייט זשע, גייט צוריק אין שטיבעלע,
זייט מוחל!
(פירט זיי אריין אין שטיגעלע.)

ביידע: (ביי דער וועגסל)
— פּערעלע!
— בערעלע!
— פּערעלע!
— בערעלע!

לערנביכער.

רעכנביכער פון ש. באסטאמסקי.

1. אילוסטרירטער אריטמעטישער רעכנבוך פארן ג־סן לערניאר.
2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט)
3. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט)
4. אריטמעטישער רעכנבוך (גאנצע צאלן)
5. אריטמעטישער רעכנבוך (גרויסע צאלן)

לערנביכער אויף ייִדיש

פון ש. באסטאמסקי און ה. הירשמאן:

6. לעבעדיקע קלאנגען א, ב
7. „לעבעדיקע קלאנגען"—ערשטער טאבעליע פארן ג־סן לערניאר.
8. „לעבעדיקע קלאנגען"—ערשטער טאבעליע פארן ג־סן לערניאר.
9. „לעבעדיקע קלאנגען"—ערשטער טאבעליע פארן ג־סן לערניאר.
10. דאס נײַע ווארט—ערשטער טאבעליע—פאר עלטערע קלאסן. 3 טיילן: פראזע, לידער און דראמע.

ביבליאטעק פאר ייִנגערע קינדער:

פון ש. באסטאמסקי.

1. יעקעלע נאר.
2. יודע דער וואסערטרעגער און זײַנע מעשיות.
3. מזל.
4. צוויי מתנות.
5. א) דער נס, ב) דער צדיק.
6. דער גויס און דער חיה.
7. [illegible]
8. די אמונה כלה
9. דרײַ מעשהלעך פון המלך.
10. כשופמאכער און זון. [illegible]
11. דער העלדישער [illegible]
12. קארוזא—פון דעם לעבן פון די איטאליענישע קינדער, וואס ארבעטן אין די שאכטעס.
13. ניגער העבען — (פון דעם לעבן פון די קוילנגרעבער)
14. דער לינגער—(א מעשהלע).
15. די נאשעריקע —
16. מעשהלעך פון עזאפ 1 העפט.
17. מעשהלעך פון עזאפ 2 העפט.
18. „ „ 3 „
19. „ „ 4 „
20. „ „ 5 „
21. דער פארשלאסענער קאסטן—(ייִדישע פאלקסמעשה)
22. צוויי יתומים—(פאלקסמעשה־לע פאר קלענערע קינדער)
23. לעגענדעס פון אמאל — (אלעקסאנדער מוקדון און די פײַיקן, דער שפאס, דער גריכישער חכם שלמה) .
24. דאס גרויסע הארץ (מעשהלע)
25. דאס ווײַנשלע — (מעשהלע).
26. דער [illegible] און דער צדיק— (ייִדישע פאלקסמעשה)
27. פאלקסמעשיות און לעגענדעס פון זלמן הרגב
28—31. „דער קונדס" 1, 2, 3, 4 (זאמלונגען פון רעטענישן, אויפגאבן, שפילן, רעבוסן, ווערטלעך, ניכטערטשלעך א. א.)
32. בוסתנאי (פאלקסמעשה).
33. דער צער חזן פון אלטן קאמאראניק.
34. די רויז פון ח. נאדעל.

ביבליאטעק פאר עלטערע קינדער:

פון ש. באסטאמסקי

1. [illegible]
2. דוד [illegible]
3. [illegible]
4. די [illegible] קאפיטאנען האט בגבורה [illegible]
5. אין [illegible]
6. [illegible]
7. [illegible]
8. [illegible]
9. [illegible]
10. [illegible]
11. [illegible]
12. [illegible]
13. [illegible]
14. [illegible]

פאר ווײַטער באשרײַבונג: הערי סאן, פארקער, ביטשער סטאו, אברהם לינקאלן, בוקער וואשינגטאן א. א. (אילוסטרירט)

15. מרדכי אנטאקאלסקי — ביאגראפיע פון דעם גרויסן ייִדישן סקולפטאר, רײַך אילוסטרירט מיט די וויכטיקסטע בילדער פון זײַנע ווערק.
16. די סעוד צמאל און חיים.
17. בענדזשאמין פראנקלין
18. די קוילנגרעבער

פון עמיל זאלא:

מאטעריאלן צום ייִדישן פאלקלאר

געזאמלט און רעדאקטירט — פון ש. באסטאמסקי.

1. ייִדישע פאלקסמעשיות — 3 [illegible] מיט א [illegible] פון ש. [illegible] רעצענזיע.
2. זאמלונג פון ייִדישע שפריכווערטער פאר שול און פאמיליע
3. בײַם קוואל ווײַטער באנד — ייִדישע שפריכווערטער, ווערטלעך, רעדנסארטן, פאלקסגלייבונגען, ווינטשעוועניש, ברכות, שבועות, קללות, חרמות, סימנים, סגולות און [illegible] —.
4. בײַם קוואל 2־טער באנד — ייִדישע פאלקסלידער.
5. [illegible] ייִדישע פאלקסמעשיות און לעגענדעס [illegible]
6. בריכיסטולן
7. [illegible]

[illegible]

1. ק. פ. [illegible] [illegible]
2. [illegible] — [illegible] פון ח. [illegible] און ז. רייזען.
3. [illegible] פון דער [illegible]
4. [illegible]